**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנאר האקול מעלדט נייע ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס דיספענסעריס וואס עפענען זיך אײדערן ענדע פונעם יאר**

***באלד 40 ערוואקסענע-באנוץ דיספענסעריס וועלן זיך האבן געעפנט אין 2023, אריינגערעכנט 12 שווארצע-אייגנטום געשעפטן***

***נאציאנאל, זענען ווייניגער ווי 0.2 פראצענט פון דיספענסעריס מערהייט שווארצע-אייגנטום אבער אין ניו יארק סטעיט, זענען איבער 20 פראצענט פון ערוואקסענע-באנוץ דיספענסעריס מערהייט שווארצע-אייגנטום***

***ברוקלין, סאהא, אפער איסט סייד, וועסטשעסטער, ראטשעסטער, טרוי, אמסטערדאם, וועלן באגריסן זייער ערשטע ערוואקסענע-באנוץ דיספענסעריעס***

גאווערנאר קעיטי האקאל האט היינט געמאלדן די עפענונג פון צוועלף נייע ערוואקסענע-באנוץ דיספענסעריס פון ברוקלין ביז באפעלא אזוי ווי די סטעיט טוט ווייטער פארברייטערן די לעגאלע ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס מארקעט און באגריסט נייע ביזנעסער. ביז די ענדע פון דעצעמבער, טוט ניו יארק סטעיט יעצט ערווארטן צו האבן אמווייניגסטנס 37 ערוואקסענע באנוץ דיספענסעריס אפן פאר ביזנעס. ביי די לעגאלע ערוואקסענע-באנוץ דיספענסעריס, וועלן ניו יארקערס קענען האבן צוטריט צו מער פארזיכערטע, לייסענסד קאנאביס פראדוקטן וואס זענען פראדוצירט, געוואקסן, און אונטערזוכט געווארן צו נאכקומען די סטעיט'ס שטרענגע זיכערהייט סטאנדארטן, גלייך דא אין עמפייער סטעיט.

"אזוי ווי ניו יארק פארברייטערט די מערסט אייניגע קאנאביס מארקעט אינעם לאנד, בלייבט מיין אדמיניסטראציע געטריי צו בויען א פארזיכערטע אינדוסטריע פאר אלע ניו יארקער וואס ווילן פארברייטערן אונזער קליינע ביזנעס קאמיוניטי," **האט גאָווערנאָר האקול געזאגט.** "די נייע דיספענסעריס זעצן פאר אונזער מיסיע פון שטארקן אונזער לעגאלע מארקעט בשעת גלייכצייטיג העלפן ארויסשטופן די שלעכטע מענטשן וואס דרייען זיך ארויס פון אונזערע געזעצן און טוען אונטערמינעווען אלעס וואס מיר פרובירן צו דערגרייכן."

צווישן די דיספענסעריס, זענען אכט א מערהייט שווארצע-אייגנטום, פינף זענען היספאניש-אייגנטום, און ניין זענען פרויען-אייגנטום, וואס שטרייכט אונטער ניו יארק'ס געטריישאפט צו בויען א פארטרעטנדע און אריינעמענדע קאנאביס מארקעט. לויט לעצטע אינדוסטריע פארשונג, זענען ווייניגער ווי 20 פון די 10,000 מעדיצינישע און ערוואקסענע-באנוץ קאנאביס ריטעיל געשעפטן אינעם לאנד א מערהייט שווארצע-אייגנטום. דאס מיינט אז ווייניגער ווי 0.2 פראצענט פון אלע נאציאנאלע דיספענסעריס זענען מערהייט שווארצע-אייגנטום ווען אין ניו יארק סטעיט, זענען איבער 20 פראצענט פון ערוואקסענע-באנוץ דיספענסעריס מערהייט שווארצע-אייגנטום.

ניו יארק סטעיט האט דאס ערמעגליכט, טראץ צוויי אנדערע געריכט-באפוילענע אינדזשאנקשנס וואס האבן פארשטייטערט די עמפייער סטעיט'ס גאנג. ניו יארק איז נישט אליין מיטן דורכגיין לעגאלע שוועריקייטן צו קאנאביס געזעלשאפטליכע אייניגקייט פראגראמען, אבער טראץ די שוועריקייטן האבן ניו יארק ביזנעסמענטשן זיך געהאלטן שטארק, איבערגעקומען שוועריקייטן, און ווייזן די בענעפיטן פון אייניגקייט אין די אינדוסטריע.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט עקזעקיוטיוו דירעקטאר קריס אלעקסאנדער האט געזאגט,** "דאס גייט זיין א פארנומענע און דערפרייענדע מאנאט פאר ניו יארק קאנאביס ווייבאלד איבער צוועלף לייסענסיס באקומען ענדגילטיג די געלעגנהייט צו עפענען זייערע טירן פאר ביזנעס. וואס איז ספעציעל דערפרייענד איז נישט בלויז צו זען די געשעפטן אפן, נאר זען ווער עס פירט זיי. איידער די ענדע פונעם יאר, וועלן מיר האבן 12 שווארצע-אייגנטום דיספענסעריס פונקציאנירן און 5 היספאניש-אייגנטום דיספענסעריס. נעמענדיג אין באטראכט די נאציאנאלע דורכשניט, וואו שווארצע און ברוינע אייגנטומערשאפט אין קאנאביס איז גאר זעלטן, בין איך גאר שטאלץ פון דעם רעזולטאט. דאס איז נישט נאר וועגן ציפערן; עס איז א קלאר אנדייטונג פון אונזער געטריישאפט צו מאכן א מער אייניגע און אריינגעמענדע קאנאביס אינדוסטריע."

**ניו יארק סטעיט קאנאביס קאנטראל באורד טשעיר טרעמעין רייט האט געזאגט,** "דעם מאנאט'ס דיספענסערי עפענונגען שטעלן צו א דערפרייענדע שטופ צו אונזער געטריישאפט צו בויען אן אייניגע אינדוסטריע. ניו יארק סטעיט איז דער היים פאר די מערסט פארשידנארטיגע אויסוואל פון דיספענסערי אייגנטומערס. מיר גראטולירן אלע אונזערע נייע אייגנטומערס און קוקן ארויס צו פארזעצן אונזערע באמיאונגען צו וואקסן אן אריינגעמענדע און ערפינדערישע קאנאביס מארקעט."

אין מאי, האט גאָווערנאָר האקול דורכגעפירט לעגיסלאציע וואס איז געמאכט צו אפהאלטן געשעפט שוי פענסטער פון פארקויפן קאנאביס אן קיין לייסענס. זייט יוני, האבן ענפארסירונג אפיצירן פון די אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט און דעפארטמענט פון שטייערן און פינאנץ אונטערגעזוכט געשעפטן, גענומען פראדוקטן, און גע'פעדלאק'ט אומלייסענסירטע געשעפטן. אין סך הכל, האט די געמיינזאמע פראבע אינספעקטירט 350 לאקאציעס, פון וועלכע 88 זענען געווארן ווידער אינספעקטירט, וואס האט רעזולטירט אין איבער 11,000 פונט קאנפיסקירטע אומלעגאלע קאנאביס אין ווערט פון איבער 54 מיליאן דאלער. OCM און DTF אויספארשער וועלן ווייטער אינספעקטירן יעדן איינציגן וואך דורכאויס די סטעיט.

אונטן איז א ליסטע פון לאקאציעס וואס האבן אדער לעצטנס געעפנט זייערע טויערן אדער וועלן זיך עפענען אין די קומענדיגע פאר וואכן. דערמאנונג, דאס זענען זעלבסט-שטענדיגע ביזנעסער וואס באשטימען זייערע אייגענע עפענונג דאטומען, סיי וועלכע דאטום וואס שטייט אונטן קען זיך טוישן.

__לעצטיגע און קומענדיגע עפענונגען:__

**ניו יארק סיטי:**
די בראנקס:

- Hush – 2460 Williamsbridge Rd Fl 1, Bronx 10469, (געעפנט דינסטאג, דעצעמבער 14, 2023)

ברוקלין:

- Grow Together – 2370 Coney Island Ave., Brooklyn 11223, (עפנט זיך דינסטאג, דעצעמבער 19, 2023),די ערשטע ערוואקסענע באנוץ דיספענסערי אין ברוקלין, שווארצע-אייגנטומערשאפט

מאנהעטן:

- Dagmar Cannabis – 412 W Broadway, NY 10012, (עפנט זיך פרייטאג, דעצעמבער 15, 2023), די ערשטע ערוואקסענע באנוץ דיספענסערי אין סאהא, פרויען-אייגנטומערשאפט
- THC Herbal Care – 1412 Lexington Ave., New York 10128, (מעגליכע עפענונג יאנואר 4, 2024), די ערשטע ערוואקסענע באנוץ דיספענסערי אין אפער איסט סייד

**נארט קאנטרי:**

- The Highest Peak – Village of Potsdam, 5 Market St., Potsdam 13676, (געעפנט דאנערשטאג, דעצעמבער 7, 2023), די ערשטע ערוואקסענע באנוץ דיספענסערי אין פאטסדאם, פרויען-אייגנטומערשאפט
- The Firehaus – 7479 US Highway 11, Potsdam 13676, (געעפנט מיטוואך, דעצעמבער 13, 2023)

**הויפטשטאט ראיאן:**

- 420 Bliss – 740 Hoosick St., Brunswick 12180 (געעפנט דינסטאג, דעצעמבער 7, 2023), די ערשטע ערוואקסענע באנוץ דיספענסערי אין בראנסוויק, שווארצע אייגנטומערשאפט
- Capital District Wellness – 997 Central Ave Suite 200, Albany 12205, (געעפנט פרייטאג, דעצעמבער 8, 2023)
- Amsterdam Cannabis – 1451 State Highway 5S, Amsterdam 12010, (געעפנט פרייטאג, דעצעמבער 9, 2023), די ערשטע ערוואקסענע באנוץ דיספענסערי אין אמסטערדאם

**מערב ניו יארק:**

- Premier Earth Corp – 1297 Hertel Ave, Buffalo 14216, (געעפנט מיטוואך, דעצעמבער 13, 2023)

**פינגער לעיקס:**

- MJ Dispensary – 900 Jefferson Rd Ste 902, Rochester 14623, (געעפנט דינסטאג, דעצעמבער 12, 2023), די ערשטע ערוואקסענע באנוץ דיספענסערי אין ראטשעסטער

**מיד-האדסאן ראיאן:**

- Elevate – 127 S Terrace Ave, Mt Vernon 10550 (געעפנט מאנטאג, דעצעמבער 11, 2023), די ערשטע ערוואקסענע-באנוץ דיספענסערי אין וועסטשעסטער קאונטי און מיד-האדסאן ראיאן

**לאנג איילענד:**

- Happy Days – 105 Route 109, Farmingdale 11735 (מעגליכע עפענונג אום שבת, דעצעמבער 23, 2023)

ניו יארק שטעלט צו גרינגע וועגן צו טרעפן לעגאלע קאנאביס דיספענסעריס. איר דארפט נאר נוצן די ניו יארק קאנאביס דיספענסערי לאקאציע טרעפער אנליין אדער זוכט די באשטעטיגונג סטיקער געציג וואס מען טרעפט אויף די פענסטערס פון לעגאלע דיספענסעריס. \ניו יארקערס קענען באריכטן נישט-לייסענסד געשעפטן אין זייערע קאמיוניטיס דורכן נוצן די ניו יארק קאנאביס אינצידענט באריכטונג פארטעל. פאלגט נאך די אפיס פון קאנאביס מענעדזשמענט אויף סאושעל מידיע אויף @nys_cannabis.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן